**בן ציון פנחס פריעדמאן**
קרית יואל יצ"ו
845-781-5044

בס"ד

# אל כבוד לומדי תורה ובני ישיבות

## הבהרה בפרשת "בלום האכהייזער ביקסענשפאן"

בעסקי לאחרונה בפרשת "בלום האכהייזער ביקסענשפאן" נזדמן לי לדבר עם כמה סוגי אנשים, על אודות הפירצה הנוראה שנתהווה באיסור אשת איש.

בין אלו שדברתי עמהם ישנם אנשים אשר השקפתם בנוי' על דעת תורה, ולכן מבינים הם מדברי השו"ע והפוסקים שהאשה היא אשת איש, וגט שיש עליו ערעור כל זמן שלא נתברר היתירו כשמלה אינו גט.

מצד שני נמצאים אנשים אשר מענה בפיהם: [א] האם מוטל עלי לעסוק בהלכות אלו, הלא ישנם רבנים העוסקים בהם, ואוכל לסמוך עליהם. [ב] אם נניח שנעסוק בהלכות אלו, ואמצא בדברי השו"ע והפוסקים שהאשה היא אשת איש, הרי בוודאי שהרבנים יודעים מזה, ועכ"ז התירו אותה. [ג] היעלה על הדעת שרבנים יתירו אשת איש לעלמא? [ד] לדבריך האם מעתה לא אוכל לסמוך עליהם, הלא הם ידועים לבני סמכא.

מכח טענות אלו, באים אנשים אלו לידי החלטה שאי אפשר להיות שאשה הנ"ל היא אשת איש, כיון שהרבנים עשו מעשה, בוודאי התורה מסכמת לדעתם, כי אצל אנשים אלו הרבנים והתורה הם חד ואי אפשר שיתפרדו, וכיון שהרבנים סרו מדרך התורה, התורה מחזרת אחריהם כי התורה זקוקה להם. [הגם שהחלטתם בנוי' על שיטתם שהרבנים האלו בעלי סמכא הם, אבל האמת הוא לא מניה ולא מקצתו, ואדרבה הם הם המחריבים את יסודי הדת וקדושת ישראל, והם הם שהסיתו את הנואף מנחם מענדל ביקסענשפאן לדור בזנות עם האשה צירל בלום, עכ"ז נבאר הענין לשיטתם].

בהתבונן בדבר זה, ברור שרעיון זה הוא היפוך התורה, ומנגד את ה"אני מאמין שזאת התורה לא תהא מוחלפת", כמבואר לקמן.

עי' שולחן ערוך הרב (יו"ד הלכות תלמוד תורה פרק ב' סימן א') וז"ל בא"ד: שנאמר "ולמדתם אותם ושמרתם לעשותם" זו מצות עשה של תלמוד תורה על כל אדם לעצמו ללמוד כל התורה שבכתב ושבעל פה כולה כמו שנתבאר למעלה שנאמר "כל המצוה וגו'" עכ"ל, נמצא שאף מי ששואל את כל שאלותיו בהלכה מרבותיו, גם כן אין לו פטור מללמוד ולדעת את כל הלכות התורה.

ובשולחן ערוך הלכות כבוד רבו (יורה דעה סימן רמ"ב סעיף כ"ב) כתב וז"ל: ראה רבו עובר על דברי תורה, אומר לו למדתני רבינו כך וכך. הגה, ואם רצה לעבור רק על איסור דרבנן אפילו הכי צריך למחות בידו, עכ"ל. נמצא שאפילו ברבו מובהק אשר ממנו לומד את תורתו ואפילו אם סומך עליו בכל שאלותיו בהלכה, גם כן שייך לחשוב שטעה בדבר הלכה ואפילו באיסור דאורייתא, וחייב למחות בידו (בדרך כבוד), ואינו יכול לפטור את עצמו בתירוץ שבודאי רבו יודע מה שהוא עושה, ושברור שיש לו על מה לסמוך בדברי השולחן ערוך והפוסקים, והטעם כי על ידי הוראותיו ולימודו אינו נעשה שולחן ערוך בעצמו, אלא שמשועבד הוא לכל דברי השולחן ערוך והפוסקים, והתורה לא תהא מוחלפת משום שרב זה פסק שלא כדין.

וכשמסתכל על מעשי רבו להבין ולהשכיל, כגון בלימודו או בתפלה, קיום המצוות, עשיית חסד וכד', אין הכוונה שמזה הוא מבין דעת השולחן ערוך, ואם הרב שינה מדברי השולחן ערוך התורה עומדת לצדו, אלא שכיון שלמד ההלכות (מרבו או מעצמו) יודע להתבונן במעשי רבו האיך שמתנהג הכל על פי דברי הפוסקים, נמצא שמצד אחד לומד מרבו הלכות ורואה באיזה אופן הוא מקיים את המצוות וההלכות, ומאידך גיסא כשרואה שאין רבו מתנהג כתורה, מוחה בו בדרך כבוד, ובשאלות אחרות יכול עדיין לסמוך עליו, ובין שני דברים אלו אין שום סתירה.

ידוע המעשה מהחתם סופר זצ"ל (מובאת בספרי תלמידיו, שו"ת מחנה חיים או"ח ח"ג פתיחה, לב העברי ח"א דף ל"ג, חוט המשולש דף מ"ב) כשהתאכסן בבית עם הארץ, והבעל הבית הוציא דבה על החתם סופר שאוכל סעודתו ביום השבת בלא קידוש, והחתם סופר התנצל שקידש תיכף אחר התפלה, ואמר החתם סופר שבא לו זה על שעבר על דברי חכמים: אם עם הארץ חסיד הוא אל תדור בשכנתו, אבל נתקשה לו האיך באמת שכח דברי חכמים, ונתיישב לו, כי מעולם נצטער על מצב היהדות האיך תתקיים בדורות הבאים, כאשר הרבנים יסלפו דברי התורה, אבל עתה נחה דעתו, שפשוטי העם המה יצאו למלחמה למחות, כשיראו את הרב עובר על דברי תורה, ועל ידי זה תתקיים התורה בישראל.

כאשר העיד הרמב"ן ז"ל כי ראש אמונת אומן הוא מצד אב לבנים, גילה לו ד' לראות קדושת ישראל שיאמינו יותר לאבות מרבנים כדברי הרמב"ן שאב צריך לספר באזני בניו כי לא יאמינו מה ששומעים מפי מנהיגים המה רבנים וכו' (לשון המחנה חיים שם).

וכן מבואר בתשובה מהחוות דעת במכתבו להגאון בעל בית אפרים (שו"ת ר' יעקב מליסא סימן נ"ב), וז"ל: בדבר הגט מבני ששאלתי מכבודו, לא כתב שום תשובה, והתשובה מדינא ניתן לכתוב לכל אדם אף לאינם ראויים, וחוששני לו מחטאת ועון וכו' עכ"ל. יוצא מדבריו שאם מיחה ברבו שהורה שלא כדין ולא השיב מענה, אסור להצדיק את הוראתו, אלא ימשיך במחאתו עד שיתן הרב את תשובתו על מה ולמה פסק כן, או שיתחרט ויודה על האמת.

הק' בן ציון פנחס פריעדמאן
הק' בן ציון פנחס פריעדמאן

**בן ציון פנחס פריעדמאן**
קרית יואל יצ"ו
845-781-5044

בס"ד

# אל כבוד לומדי תורה ובני ישיבות

## הבהרה בפרשת "בלום האכהייזער ביקסענשפאן"

אין די לעצטע צייט, זייענדיג עוסק אין די פרשה פון "בלום האכהייזער ביקסענשפאן", איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט פארשידענע סארט מענטשן, איבער די פירצה פון אשת איש.

צווישן די, זענען דא מענטשן וואס זייער השקפה איז געבויעט אויף דעת תורה, דעריבער פארשטייען זיי אז לויטן שו"ע און די פוסקים איז די פרוי אן אשת איש, און אז א גט וואס האט אן ערעור, כל זמן עס איז נישט איבערצייגט געווארן אז די פרוי איז יא מותר, איז עס נישט קיין גט.

פון די אנדערע זייט זענען דא מענטשן וואס ענטפערן פרעגנדיג: [א] בין איך דען מחוייב צו עוסק זיין אין די הלכות, עס זענען דאך דא רבנים וואס זענען עוסק אין די הלכות, און איך קען מיך פארלאזן אויף זיי. [ב] לאמיר זאגן אז איך וועל עוסק זיין אין די הלכות, און איך וועל טרעפן אין שו"ע און אין די פוסקים אז די פרוי איז אן אשת איש, ווייסן דאך די רבנים זיכער דערפון, אין טראץ דעם האבן זיי איר מתיר געווען. [ג] איז דען מעגליך אז רבנים זאלן מתיר זיין אן אשת איש? [ד] לויט דיר וועל איך דען פון היינט מער נישט קענען זיך פארלאזן אויף זיי, זיי זענען דאך באקאנט אלץ פארלעסליכע רבנים.

צוליב די טענות, קומען די דאזיגע מענטשן צו א באשלוס אז עס איז אוממעגליך אז די אויבנדערמאנטע פרוי איז אן אשת איש, וויבאלד אז די רבנים האבן געטוהן אנדערש איז דאך זיכער אז די תורה איז איינשטימיג דערמיט, ווייל ביי די סארט מענטשן זענען די רבנים און די תורה פארעבענט אלץ א פאראייניגטער אומטיילבארער כח (אויטאריטעט), און וויבאלד די רבנים האבן אוועקגעדרייט די תורה, שטעלט די תורה זיך צו צו זיי. [הגם זייער יסוד אז מען רעדט דא פון רבנים אויף וועם מען קען זיך פארלאזן, איז שקר מיסודו, אדרבה זיי זענען די גרעסטע מחריבים ביי כלל ישראל, און זיי זענען די וואס האבן געשטופט דעם נואף מנחם מענדל ביקסענשפאן צו די זנות, וועלן מיר ענטפערן לשיטתם].

אריינקלערנדיג אין די מיינונג, איז קלאר אז דאס איז פארקערט פון די תורה, און עס שטעלט זיך אקעגן דעם "אני מאמין שזאת התורה לא תהא מוחלפת", ווי עס וועט ערקלערט ווערן.

אין שולחן ערוך הרב (יו"ד הלכות תלמוד תורה פרק ב' סימן א') שרייבט ער: אז א יעדער איד איז מחוייב אליינס צו לערנען די גאנצע תורה שבכתב און תורה שבעל פה. קומט אוים אז אפילו איינער וואס פרעגט אלע זיינע הלכה'דיגע שאלות פון זיין רב, קען אויך נישט זיך פטר'ן פון אדורכלערנען און קענען די גאנצע תורה.

און אין שולחן ערוך הלכות כבוד רבו (יו"ד הלכות סימן רמ"ב סעיף כ"ב) שטייט: ווען איינער זעהט אז זיין רבי איז עובר אויף די תורה, זאל ער אים זאגן – דו האסט דאך מיר אויסגעלערנט אזוי און אזוי. זאגט דער רמ"א: אפילו אויב ער וויל עובר זיין נאר אויף אן איסור דרבנן איז ער אויך מחוייב צו מוחה זיין. דאס איז אפילו ביי זיין ריכטיגער רבי, פון וועמען ער האט געלערנט זיין גאנצע תורה, אפילו ער פרעגט ביי אים אלע זיינע שאלות, אפילו אזוי איז שייך צו אננעמען אז ער האט געמאכט א טעות אין א הלכה, און אפילו אין אן איסור דאורייתא, און ער איז מחוייב מוחה צו זיין (בדרך כבוד), ער קען זיך נישט ארויסדרייען מיטן תירוץ אז דער רבי ווייסט זיכער וואס ער טוט, און זיכער האט ער א סמך פון שולחן ערוך אדער פוסקים, דאס איז ווייל טראץ זיין לערנען און זיינע פסקים ווערט ער נישט אליינס א שולחן ערוך, ער איז נאך אלץ געבינדן צו אלעם פון שולחן ערוך און די פוסקים, און די תורה ווערט נישט געטוישט ווייל דער רב האט גע'פסק'נט נישט לויט די הלכה.

ווען א מענטש קוקט נאך זיין רבי, ער וויל זיך לערנען פון זיין לערנען און דאווענען, קיום המצוות, טוהן חסד א.ד.ג., מיינט עס נישט אז דעמאלט זעהט ער וואס די הלכה פון שולחן ערוך איז, און אויב דער רבי איז משנה פונעם שולחן ערוך שטייט די תורה אים צו הילף, ניין, נאר וויבאלד א מענטש האט געלערנט די הלכות (פון זיין רבי אדער אליינס) ווייסט ער צו באטראכטן זיין רבי'נס מעשים ווי ער פירט זיך אלעם לויטן שולחן ערוך, קומט אוים אז פון איין זייט לערנט ער פון זיין רבי'ן הלכות און קוקט זיך צו וויאזוי ער איז מקיים די מצוות און די הלכות, און פון די צווייטע זייט ווען ער זעהט אז זיין רבי פירט זיך אין א געוויסע זאך נישט תורה'דיג, איז ער מוחה בדרך כבוד, און אויף אנדערע שאלות קען ער ווייטער זיך פארלאזן אויף אים, די צוויי זאכן זענען קיין שום סתירה נישט.

עס איז באקאנט די מעשה פונעם הייליגן חתם סופר זצ"ל (געברענגט דורך זיינע תלמידים, שו"ת מחנה חיים או"ח ח"ג פתיחה, לב העברי ח"א דף ל"ג, חוט המשולש דף מ"ב) ווען ער איז איינגעשטאנען ביי אן עם הארץ, און דער בעל הבית האט ארויסגעלאזט א שמועה אויפן חתם סופר אז ער עסט די שבת'דיגע סעודה ביי טאג אן קידוש, האט דער חתם סופר זיך פארענטפערט אז ער מאכט קידוש באלד נאכן דאווענען, און דער חתם סופר האט ערלקערט אז עס איז אים געקומען ווייל ער האט עובר געווען אויף די רייד פון חכמים וואס זאגן: אויב אן עם הארץ איז א פרומער זאלסטו נישט וואוינען אין זיין נאנטקייט. אבער עס איז שווער געווען פארן חתם סופר ווי קומט עס טאקע ער זאל האבן פארגעסן אזא חז"ל, אבער עס איז אים פארענטפערט געווארן ווייל ער האט שטענדיג זיך מצער געווען אויפן מצב פון אידישקייט, וויאזוי עס וועט זיך האלטן אין די שפעטערע דורות ווען די רבנים וועלן פארדרייען די תורה, אבער יעצט איז ער בארואיגט געווארן, אז די פשוט'ע מענטשן ווען זיי וועלן זעהן די רבנים זענען עובר אויף די תורה, וועלן זיי מוחה זיין און נישט פארשווייגן, און דורכדעם וועט די תורה זיך האלטן.

אזוי ווי דער רמב"ן ז"ל איז מעיד, אז דער עיקר אמונה ביי אידן גייט פון טאטע צו קינד, אז דער אויבערשטער האט מגלה געווען די קדושה פון אידן אז זיי וועלן ענדערש גלייבן זייערע עלטערן ווי די רבנים, ווי דער רמב"ן זאגט אז א טאטע מוז דערציילן פאר די קינדער די אמונה, ווייל זיי גלייבן נישט וואס זיי הערן פון מנהיגים (אזוי פירט אוים דער מחנה חיים שם).

אזוי ווערט אויך ערקלערט אין א תשובה פונעם הייליגן חוות דעת אין א בריוו צום גאון דער בית אפרים (שו"ת ר' יעקב מליסא סימן נ"ב), אז אויב מען האט אויפגעפאדערט דעם רבי'ן אז ער האט נישט ריכטיג גע'פסק'נט און ער האט נישט געענטפערט, טאר מען נישט בארעכטיגן זיין פסק, נאר ווייטער מוחה זיין ביז דער רבי וועט ארויסגעבן זיין תשובה פארוואס ער האט אזוי גע'פסק'נט, אדער וועט ער צוריקציהען און מודה זיין על האמת.

הק' בן ציון פנחס פריעדמאן

הק' בן ציון פנחס פריעדמאן